STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01431

DER SHVARTSER HON

Isaac Meir Dick

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-01431-1

D:\YIDDISH\TITLES\9780657014315T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

דער שוואַרצער האָן

דס איז איינע וואהרע
געשיכטע מארד וואס
נאך פילע אומזישטע
נר זוכט איינעם
מארן

ערציילונג פון איינעם
איזט נתגלה געווארין
דרישות אונ חקירות
שווארצען האן .

א. מ. דיק

אויף [illegible]
[illegible] ליב

[illegible]ת דרוק פון
[illegible]

Черный пѣтухъ.
Расказъ А. М. Дика.
Соб. и изд. Ф. М.

ВИЛЬНА.
Типографія Л. Л. Маца, Зава[illegible] 1913 г.

דער שווארצער האן

1.

איינע קליינע פארגעדע.

ווי אויך דיזע געשיכטע איז שוין צוואר לאנג געשעהן, זאל דער צו נאך אין איינעם ווייטין לאנד אין איינגלאנד אזו גאר ביא אלעם דעם איז זיא נאך ווערט אונ ווירדיג צוא ווערין איבער געזעצט נאך אצונד פון איינגלים אין זארגאן, אום צוא ווערין געלעזין פון אונזער אידעשע נאציאן, דען לבד דעם וואס זיא איז העכסט אינטערעסאנט אונ אמיזאנט (פערגעניגענד), איז זיא נאך העכסט בעלערענד אונ העכסט מאראליש (מוסרדיק). ערשטינס איז פון איהר ארויס צו זעהען דאס מענטשליכע בלוט שווייגט ניט דאס היסט עס דער גייט זיך, צווייטינס דאס איינע זינדע שלעפט דיא צווייטע נאך וויא דער פאל וואר דא, דאס איינע פאר באטענע ליבע האט פערפירט צוא איינעם געהיימען מארד (רציחה), דריטענס איז פון איר ארויס צוא זעהען דאס מען זאל זיך ניט וואגין ארויס צוא בעקומען איין געשטעגדעס (פריזנאנע) דורך יסורים אונ ענויים פון איינער פערזאן (מענטש) וואס איז פערדעכטיגט (פאדאזריטעלנע) אין אמארד (רציחה) אדער אגנבה, ווייל מען בעשולדיגט זיך אונשולדיגערהייט וויא דא איז געשעהן אזוי:

דער נחמן מאזער

אין דעם יאר טויזענד אכט הונדערט צעהן האט געוואוינט אין איינעם לאנד-גוט וואס הייסט קולמאן וואס איז פינף מייל ווייט פון לאנדאן, איין געוויסער פעכטער (פאסעסער) נחמן מאזער, דיזער מאן וואר איין גאנץ בראווער מענטש, זייער רייך, האט געהאט איין העכסט שיינע פרויא וואס ער האט איהר געליבט אונ דאס גלייכען זיא איהם, אונ עס האט איהם געפעלט אום צוא זיין פאלקאם גליקליך נאר קינדער, דען ער האט ניט איינעם געהאט, אונ האבען דאהער געפירט איין פרומעס שטילעס לעבען, דאס הייסט זייא האבען געהאט איינען גאנץ קנאפען פערקעהר מיט זייערע נאהענטע אונ ווייטע שכנים, אום אויס צו מיידען צוא זעהען דאס בייא אנדערע וואס זייא פעלט עס (דאס הייסט קינדער), דיזע פאסעסע זייערע וואס זייא האבען געהאלטען אין פאכט (ארענדע) וואר פון איינעם גרויסען אומפאנג (אבשירנאסען) אונ דער צוא נאך זייער פראדוקטיוו (פרוכטבאר) דען עס וואר איין פעטער גרונט (צארנעזעם) אונ געהאט זייער גוטע פיטערונגעס אין זיך, דאס מען האט געקענט אויס פאסען דארט זייער פיל הקאט, אקסען, שאף, קיא אונ דאס גלייכען, אונ זיא (דיא פאסעסע) וואר איהם אזויא ווייט ערגיביג (דאהאדנא) דאס ער פלעגט אלע מאנאט אטפראווען קיין לאנדאן אטראנספארט פון צוואנציג פורען פראדוקטען וואס ער האט עס איינגעזאמעלט פון פעלדער וועלדער אונ פון זיינע אבארעס (בהמות), צום בייא שפיל אלער האנד תבואות, פלאקסען, פרוכט, קעז, פוטער, קעלבער, שעפסען, פלעגט זעלבסט מיט צו פאהרען פערקויפט אונ געקומען אימער צו ריק מיט איינער פולען בייטיל מיט געלד אונ מיט געשייאנקע פאר זיינע פרויא, אונ וואר דאן איין גוטער נאכט בייא איהר.

דיזע מאנאטליכע רייזען זיינע קיין לאנדאן מיט זיינע פראנספארטען

טראנספארטין פון זיינע פראדוקטין אונ אזוא אויך זיין קומען פון דארט צו ריק האבין קיין מאל געדויערט מער אלס דריא טעג, אונ וואר אזוא גאר גאנץ פינקטליך מיט זיינעם אוועק פאהרין אונ קומען פון דארט נעלכבסט מיט דער שטונדע, ער פלעגט צו פארין פון דער היים איטער נאך מיטאג (זייגער צוויא) אונ קומען צוריק פאר מיטאג (זייגער איינס) אונ דיא פרויא זיינע וואר שוין אזוא געוויס מיט דער צייט פון זיינעם צוריק קומען דאס פינף מינוטין פאר איינסין וואהרין שוין דיא שפייזין דער לאנגט צום טיש, אונ אזוא וואר עס יאר אוים אונ יאר איין, גאנצע צעהן יאר, אלזוי קיין וואונדער שוין דאס זיא (דיא פרויא זיינע) איז געוואהרין העכסט אונרוהיג ביא זיינעם פערזאמען זיך אמאל מיט זיינעם צוריק קומען פון לאנדאן וואס דיזעם האט איר געטראפין דאס ערשטע מאל צייט ער האט אן געהויבען צו פארין קיין לאנדאן וואס דאס איז איין משך פון גאנצע צעהן יארין, אונ דיזעם איז גישעהען דעם צעהנטען מערץ פון דעם יאר טויזענט אכט הונדערט צעהן אירע הויז לייטע האבין זיך בעמיהט צוא בערוהיגין איר, עס וואר אבער אומזאנסט דען איין הארץ (זאגט דער עולם) איז איין נביא אונ לאזט זיך ניט בערעדין אונ בעטריגען, אונ איז אלזוי געווארען פון שטונדע צו שטונדע אונרוהיגער אונ אונרוהיגער אונ אלס ער איז שוין געוועזען אוועק אויך ניט געקומען האט זיא אוים געבראכען אין איינעם שרעקליכען וויינען, אונ אין איינעם הענדבריכען „ניין“ האט זיא אן געהויבען שרייען צו אירע הויז לייטע וואס האבין איר געוואלט איין שטילין „ניין! איר וועט מיך ניט איין ריידין דאס ער האט זיך פערלייבט אפ געשטעלט דארט אין לאנדאן ביא דעם אונ ביא יענעם, אדער דאס ער מוז דארט זיין אוף דער האכצייט ביא דעם פאלק וואס דארף זיין אין דיזער צייט ביא זיינער טאכטער, ניין! איך קען אים בעסער אלס איהר אלע, מיינע רוה איז אידם פיל ליבער אלס בעזוכען צו מאכין אדער אלס אויף איינע האכצייט צוא זיין אן מיר, ביא זיינעם

וויסן

וויסען דאס ער וועט מיך העכסט בעאונרוהיגען מיט זיינעם אויסען בלייבען, דאס איך וועל ניט וויסען וואס איבער צו טראכטען דאריבער, אם וויינעגסטען וואלט ער עס מיר געשריבען און ווען דיזעס אויך ניט איז געוויס וואס שלימעס מיט אים געשעהן, דען מאנאטען איז פיל מארדטהאטען (רציחות) געשעהען אין אונזער געגענד און דיא וועגן זייען העכסט אונזיכער געווארען און בפרט דאס אלע וויסען דאס ער פירט מיט זיך געלט פארינדיק צוא ריק פון לאנדאן, אלזוי האב איך שוין געגוג אורזאך צוא טראכטען פון דאס שלימסטע וועגען זיין פאר זאמען זיך, א נאט וייסט צוא וועל איך אים ווידער זעהען, מיין הערץ איז מיר אוים געריסען".

אזוי האט זיא דיא גאנצע נאכט צו געבראכט אין וויינען און אין יאמערין, און דאס גלייכען וואַרען אירע הויז לייטע דיא גאנצע נאכט גיוועזט צווישין פורכט און האפענונג און אוף מארגין איז איבער געגאנגען דיזע נאך גיט גאנץ גיוויסע פורכט אין איינער געוויסען פערצווייפלונג (יאוש) דען עס וואר נאך גיפרעגט איבער איהם ביי אלע וואס זייען צוריק געקומען פון לאנדאן, און עס וואר קיינע גיוויסעס גיווען ארויס צו בעקומען פון זייא. מאנכע זין זייא האבין גיזאגט דאס זייא האבין איהם גיזעהען פארינדיג צוריק פון לאנדאן אמייל פון שטאט, מאנכע האבין געזאגט דאס זייא האבין אים אן געטראפען אויף האלב וועג פון קולמא, און ווידער אנדערע האבין געזאגט דאס זייא האבין אן געטראפין זיין קאראיאלקע מיט זיין פערדיל שטייענדיג גאנץ אליין לעבען אוועלדער אויף דעם נאסצענעס מיט דעם קאפ צוריק דאס הייסט זייא צוא קיין לאנדאן צו פארין און זייא האבין אלזוי גימיינט דאס ער (איר מאן נחמן מאזער) האט זיך דא אפ גישטעלט אום צוא פעריכטען זיינע בעדערפענעס דארט אין וואלד, פון אלע דיזע אונגעוויסע קוועדענעס וואר אלזוי פיל מעהר צו שליסן אויף ניט גוטעס אלס אויף גוטעס. דען עס וואר דאך וויינעגסטענס ארויס

צו זעהן פון זייא דאס ער איז אין לעבין ניט פערבליבין , אונ דאר אלזוי פערמוטהליך (מהסתם) אומגעקומען אונטער וועגינס , בייא אלעם דעם וואר מען נאך אלס ניט גיווים דער מיט ביז אין דעם דריטין טאג , וואס אין איהם האט מען שוין גיהאט אזויא איינע סוועדענע וואס האט שוין אוים גילאשין דעם לעצטען האפענונגס שטראל , דאס ער נאך פילייכט לעבט .

דען אין דיזעם טאג וואר איר געמעלדעט פון דעם דארטיגין אפעסער וואס האט שוין געוואוסט פון איר מאנס פערפאלין ווערין דאס די סאטניקעס האבין אים גיבראכט אקאראיאלקע מיט אפערד אונ מיט אשאקוואיאז אונ דאס גלייבין אדיוואן וואס זייען אלע בעפלעגט אונ גיזעטיגט מיט מענטשין בלוט אלזוי זאל זיא וואס צום ניכסטין קומען עס בעזעהען אונ ווען זיא וועט ערקענען דאס אלע דיזעס איז איר מאנס אונ וועט זאגין געוויסע סימנים וועט מען עס איהר אפ געבין אונ אגב וועט זיא זיין בייא דעם דאפראס וואס עס וועט אפ גענומען ווערין פון די סאטניקעס אונ פון דיא ארומיגע בויערין איבער דעם ערמארדונג פון איהר מאן , דען אזוי ווייזט אוים פון דיא פולע בלוטין וואס איז צוא נעהען אין דער קאראיאלקע .

איך וועל דיר מיינע לעזערין דא ניט פיל אויף האלטין מיט איינער גרויסין שילדערונג (בעשרייבונג) פון דער שרעקליכע ווירקונג וואס דיזע טרויעריגע נאכריכט האט גימאכט אויף דיזע אונגליקליכע חנה (דען אזוא האט גיהייסין דעם נחמנס פרויא) , נאך ווייניגער פון איהר שרייען אונ קלאגין בייא איהר דער קענין דיזע אלע זיבין זאכין דאס זייא זיינען אלע איהר מאנס , אונ בייא איהר דער זעהען אין דער קאראיאלקע זיין פערגליווערטעס בלוט וואס האט אוים גיזעהען כאן וויא איין קליינער רויטער פעטר אין איהרע אויגין , איך וועל דיר דינעם אלעם מיינע טייערע לעזערין איבער געבין נאר אין איינע געצייליטע ווערטער וואס **זיינען דיר שוין לאנג בעקאנט , עס האט זיך דא ווייטער**

השלם .

האלט (פאוטאראעט) דיא זעלבינע מצעע אונ דער זעלבינע שפרוך וואס איז געשעהן אונ גישפראכן געווארן פון אונזער פאטער יעקב אלס עס וואר אים גיבראכט דיא העמדיל פון זיינעם זון יוסף, ער האט אידר דער קענט אונ האט געשפראכן, א דאס איז דאס העמד פון מיינעם זון איין רייסענדעס טהיר האט אים פערצערט ער איז געווארן צוריסען, אונ האט צו ריסען זיינע קליידער האט זיך מיט איינעם זאק אום גיגארטילט, אונ טרויערט ז זיינעם זון פילע טאגע, דיזעס אלעס וואר דא אויך גיש ,זא האט זיא גיזאגט" דיזעס אלעס איז מיין מאנס מע האט אים ערמארדעט, איין רויבער האט איהם ערמארדעט, ונ האט אן גיטאן טרויער קליידער אונ האט בעוויינט איר מאן פילע טעג, אונ עס וואר איר לייד אום אים, אונ נאך מעהר אום זיך, דען בייא אלער געוויסהייט דאס ער איז ערמארדעט טאר זיא דאך נים קיין מאן נעמין, דען על פי אידעשין דין טוז מען האבין עדות וואס האבין זעלבסט גיזעהען דאס מען האט איהם ערמארדעט אדער נאך בעסער ווען מען געפינט דעם טויטין קערפער אונ מען קען אידם נאך דער קענין דאס ער איז עס-אידר מאן אונ דא וואורין בייד ע נים. קיין עדות אונ זיין קערפער וואר אויך נים צו גיפינען גיוועזן דען עס וואורין אלע זוכין אומזאנסט, מען קען אנדערש נים זאגין דיא דארטיגע בעהערדע (נאציילסטווא) האט אנגיוועגדעט אלע מיה אום צוא דער גיין דעם מערדער, עס וואר העכסט גישלעדעוועט, אונ זעלבסט אן גיבאטין פון איר ווייטע (מצדות) גרויסע נאגראדעס דעם וואס וועט אויף ווייזן דעם מערדער, אונ עס וואר אלין פערלארענע מיהע דען עס וואר קיין שפור (סלאד) צו געפינען אונ קיין ליצע (סימן) צו בעמערקען פון דיזעם מערדער אין דער גאנצין דארטיגין געגענד (אקאליצע). אונ אזויא זיינען זיך איבער גילאפין גאנצע פיר וואכין אין אומזיסטע זוכין אונ פארשטין, אונ עס וואלטין אזויא איבער גילאפין ווער ווייסט וויא פיל מאנאטע. אונ פילייכט אויך יאהרין

זאגין און קען וואלט אלין ניט וויסין ווער דער פאר ברעכער
איז , ווען ער וואלט זיך ניט פון זעלבסט אריין גידרייט אין דיא
הענט פון דער דארטיגין גירעכטעקייט (פראוואסודיע) וויא מיר
וועלין דער ציילין אין דעם נייטערדיקין קאפיטיל , עס איז
צוואר ניט אזוא לייכט אונ ניט אזוא אוף דעם גראדין וועג
עס גישעהן , דען עס האבין דער ביא אנדערע פריער גיליטין ,
ביא אלעם דעם וואר אין דעם צו זעהן מער גאטעס פינגער ,
אלעם איינען בלויסין צו פאל (טראף) , דען דיא געטליכע השגחה
ניט פיחל מער אוף אומווענין (אקאלא . אקאלא) ביא איהרע
בעלוינונגין אונ בעשטראפונגען פאר גוטעס אונ פאר שלעכטעס ,
אלעם אויף דעם גראדין וועג (דאס הייסט פראמא אונ יאסנא)
וויא דער פסוק זאגט „כבוד אלקים הסתר דבר” דיא עהרע גאטעס
איז (בעשטייט אין דעם) צוא פאר היימליכין זיין הנהגה , אונ
ניט אוים צו זאגין קיין פאר ברעכין ביא זיינעם וויסען אלעם ,
אום ער זאל דער מיט ניט שטערין דיא בחירה פון דעם
מענטשין , דאס הייסט נאט וויל דאס דער מענטש זאל טאן
גוטעס אונ אפ האלטין זיך פון שלעכטעס נור אוים איינענעם פאר
שטאנד אונ גוטין ווילען אבער ניט אום איינעם באלדיגין
בעלוינונג וועגין אדער בעשטראפונג , אדער אוים פורכט דאס
גאט וועט עס באלד ענטדעקין פאר דיא מענטשליכע גירעכטיקייט
(פראחאסודיע) , ניין גאטעס לייטונג (פראוולעניע) מוז אלזוא
איבער בלייבין אין דונקעלען , גאנץ אונבעמערקט (ניט פרימעצעט)
פאר דעם אונוויסענדען המון עם , אונ אזוא פאר קערט גאנץ
חעל פאר דעם זיינעם בעאבאכטער (בלודאטעל , אדער
געטראכטער) , דאו הייסט פאר דעם חכם אונ דער יראַ
אלקים באמת וואס וייסט שוין ארוים גיפינען דיא שפורין (דיא
סלאדען) פון דער גענויע השגחה פון אונטער טויזענדע גיוואוינליכע
אונ נאטירליכע צוא פעלע (שלוצייעס) וויא דער פאל וואר דא
ביא אונזערע ערציי וכו׳ .

3.

יאקאב עשקעלעס.

נון מיינע טייערע לעזערין קערין מיר אונז צוא ריק צוא דעם לויף (האד) פון אונזערע ערצייילונג, אונ וועלין אונז אלזא בעאיילין, איף צוא זוכין דעם עק פאדעם פון איהר קנויל (פערוויקלונג) וואס איז ענטפאלען (ארויס געפאלין) פון אונזערע הענט ביא אונזער פער ריידין זיך אום איינער זייטיגע זאך, דאס הייסט ארום דעם חאד פון דער געטליכע פארזעהונג (השגחת אלהות), מיר וועלין איהם אויף זוכין. אום איהר (דיא ערצייילונג) צוא ענטוויקלען (ראזוויוואייען) ווייטער, נון ער איז אונז ענטפאלין, דארט אין דעם פאריגין קאפיטיל, נון נוט איך האב איהם שוין ערגריכין (דעם עק פאדעם פון אונזער ערציילונג) מיר האבין איהר דארט ענטלאסין (אוועק גיווארפין) דאס עס זיינען איבער גילאפין גאנצע פיהר וואכין נאך דעם נחמן מאזערס פאר פאלין ווערין וואס עס וואר ניט אין מינדעסטען דער גאנגען געווארין אין זייא וואס וועגין איהם, אונ דאס מען וואר דיזע גאנצע פיר וואכין אונגעוויס מיט זיינעם ערמארדעט ווערין וויא מיט דעם וואס האט איהם פילייכט ערמארדעט, אונ מיר האבין דארט אויך דער ביא דער מאנט דאס נאכהער האבין איינינע אונשולדיגע איבער דיזין אונגעוויסין מאהר זייער שטארק גילימין, ביז עס האט זיך אטקריעט דער וואהרער מערדער, אלזא נוט מיינע לעזערין, מיר זיינען שוין צו ריק אויף דעם רעכטין פונקט, וואו מיר האבין אונטער בראכין (מפסיק גיוועזן) אונזער ערציילונג. אונ וועל איהר שוין פארטזעצען (פראדאלזייען) ווייטער מיט איינעם היילינין פאר שפרעכין דאס איך זאל איהר פאדעם (המשך) ניט מער איבער רייסין מיט איינעם אנדערין ענין וויא מיר טוען אפט אין אנדערע ערציילונגען וואס זיינען פיל גרעסער אלס דיא

אונ

און האבען אלזא גינוג רוים (פלאץ) פאר אנדערע ענינים אויך.

יא עס האבען אונשולדיגע פיל גיליטען דאריבער, יא ניט נור איינע, מערערע אזוא גאר. און אלץ דורך פאלשע פאדאזרענעם, איך וועל אבער דא נור קוים פון צווייען דער ציילען. אום צוא לאזען גינוג רוים (פלאץ) פאר דעם הויפט העלד פון אונזער גישיכטע איך מיין עס פאר דיא ערצייהלונג און בעשרייבונג פון דעם ווארען מערדער וואס האט זיך וויא מיר האבען פריער געשריבען פון זעלבסט אביין גידרייט אין האנד דער גערעכטיגקייט (פראוואסוד).

אין פיר וואכען ארום נאך דעם פאר פאלען ווערין פון דעם נחמן מאזער און דאס גיפינען זיין פערבלוטיגטען וועגיל האט מען דער קענט בייא איינעם אידעשען הויזירער איינע טייערע פייף פון דעם נחמן מאזער וואס ער פלעגט אימער צוא רייכערען. און זיא וואר אזוא אלעמען בעקאנט דאס זיא איז מאזערס פייף וויא דער מאזער זעלבסט. אלזא גאנץ גינוג פאר דיזין אונגליקליכין הויזירער (קארעבעלניק). צוא צוא[צ]יען דער מיט איינען בלוטיגין פערדאכט (פאדאזרענע) אויף זיך דאס ער איז דער מערדער. ער וואר באלד פעסט גינומען איינגיזעצט און זייער שטרייננג עקזאמענירט. וויא עס וואר דאן אין דער גאנצער וועלט און אזוא אין איינגלאנד דיא זיטע (מאדע) אן צו טאן גרויסע עינויים בייא דיא סלעצטוועס. מען האט אים גילייגט אויף דער טארטור *). דיא פינגער פון דיא הענד אין שרויבען גישרויבט. און ער איז געבליבען בייא זיינעם ערסטען זאגין דאס ער האט עס גיפונען אויף דעם וועג פון לאנדאן קיין קולמא מיט אטאג פריער אלס

מען

*) טארטור ווערט אן גירופען אזוא איינע מאשינאלנע באנק וואס מען פלעגט איין שרויפען אין איהר דעם פערדעכטיגען (פאדאזריטעלנע) פערזאן און ציהען זיינע גלידער אין דער לייננג וויא ווייט מעגליך איז.

מען האט געפונען זיין בלוטיגען וועגיל וואס דיזעס גראדע וואר ניט צוא זיינעם וואול (לטובתו) אונ איז זיך אלזא געבליבען זיצען אין איינער שווערע געפינגקנעס . ביז מען האט דער גאנגען דעם ווארין מערדער וואס דיזעס האט גידויערט מער אלעם איין רונדעם יאר ווייל דיא סודיאעם (דיא ריכטער) האבין זיך ניט געקענט איינגען אין דער ענטשיידונג (רעשענע) פון דיזעם פראצעס (דיעלע) אטייל האבין אים ערקלערט פאר ווינאוונע . ווייל מען האט דער וויסט בייא אים דעם מאוערם פייף . וואס איז שוין מעהר אלעם פיר וואכין דאס ער איז פאר פאלען געווארין אונ מען איז אין דער מיינונג דאס ער איז גאר ערמארדעט געווארין אונ ער האט אידר (דיא פייף) דיא גאנצע צייט אלץ פערהיימליכט (געחאוועט) דאס הייסט ניט געמעלדעט דעם אמעסאר . אטייל ווידער האבין אים ביין געשפראכין (מצדיק געוועזן) דען זייא האבין געזאגט זאל זיין דאס ער איז דער מערדער זיינער אונ האט אים גימארדעט אלזא פאר געווים נור אוים רויב זוכט (דאס הייסט אום נור צוא בערויבען אים אלעס וואס ער האט בייא זיך געהאט) אבער ניט אוים הוילין האס אדער ראכע (נקמה) דען ער איז אין קיינער בעריהרונג (אמנאמענע) מיט אים (מיט דעם מאוערין) ניט געקומען . וואלט ער שוין פאר געווים צוא גינומען אויף דעם סאקוואיאז זיינעם וואס מיר האבין נאך אין איהם דער וויסט אטאלער דרייסיג געלט אונ פיהלע טייערע זאכין וואס ער האט איין געקויפט אין לאנדאן אויף פסח . אלזוא איז מעהער צוא גלויבין דאס ער האט דיא פייף געפונען אלס גידויבט , אונ פאר דינט מער ניט דיא קליינע געוואונליכע שטראפע וואס עס קומט פאר דעם ניט מעלדין יעדע געפונענע זאכע אונ בפרט נאך אזוא אפינד (מציאה) וואס קען זיין (וויא ער זעלבסט וויים עס) אין דיא הענט פון דיא ריכטער אדער שלעכטעוואטעלעם איין שליסעל צוא דיזער בלוטיגין געהיימניס

פון דיזען מארד . וואס עס האט דארט אויף גירוישט דיא גאנצע וועלט , אונ דאהער דאס הייסט ווייל דיא ריכטער האבין זיך נאך ניט גיקענט ענטשיידין (זיך רעשען) איבער אים צוא בעשולדיגין אים (אבוויניאיען) אדער פרייא שפרעכין איהם , איז ביא זייא גיבליבין דאס ער זאל בלייבין זיצען אגאנץ יאר , פיליכס וועט זיך איבער דיזע צייט וואס מעהרערעס אבזאפייען . דען ווער נאך איז אזוא פרווידעריש אונ גישפרעכיג וויא דיא צייט איז וויא דער חכם זאגט „הזמן מגלה כל" דיא צייט זאגט אלעם אויס , אונ איז זיך אזוא פאר בליבען דארט זיצין אגאנצעס יאר וויא מיר האבין שוין דא פריער געשריבען . אונ ער האט זיך וויא מען זאגט זייער גוט אויס גיזעסין דען אם ענדע זיינעס יאר האט זיך גיפונען דער מערדער אונ ער איז ארוים ריין אונ מיט איינער גרויסע פערגיטונג פון דער אלמנה דער צוא .

ליידער אבער וואר ער אין דיזעם יאר ניט דער איינער וואס האט פון דיזען געהיימען מארד געליטין . עס האבין נאך פילע אנדערע אונשולדיגע ארויף גיצויגין אויף זיך דעם חשד דאס זייא זיינען דיא מערדער פון דיזעם געהיימען מארד , אדער אם ווייניגסטין בעטייליגט אין אים (דאס הייסט האבין איין גרויסין טייל אין איהם) אונ יעדער אלץ דורך איינעם גאנץ אנדערין פאר דאכט (פאדאזרענע) וואס מיר ווילין אויס אום עס צוא בעשרייבין דא . וויא מיר האבין שוין פון פריער גישריבין אום צוא לאזין ניטנג פלאץ פאר דעם העלד פון אונזער געשיכטע *) . אונ וועל מיך דאהער

אלזא

*) יעדער פערזאן וואס שפילט דיא הויפט ראלע אין איינער ערציילונג ווערט אן גערופען דער העלד פון דיזער געשיכטע, אזוא למשל ווערט אן גירופין יוסף דער העלד פון דער געשיכטע וואס מען רופט איהר „מכירת יוסף" .

אלזא דיא בעשרייבונג (אנראניזאציאן) נאר אויף דיא בעשרייבונג פון נאך איינעם אונשולדיגען (פאראזיטעלנעם) וואס האט דער פייא גיליטען פיעל מעהר אלס דער קארעפעלניק . אונ דאס טוא איך אויך נור דארום ווייל עס איז מיר גאנץ אונמעגליך אוים צוא מיידען איהם דא אין דיזער ערצייהלונג וויא יענע אלע אנדערע . ווייל דיא ערצייהלונג פון דעם געוויסען מערדער וואס איז דער הויפט (עיקר) פון דיזער געשיכטע איז זייער איינג (טעסנע) פאר בונדען מיט דער ערצייהלונג פון דיזעם צווייטען אונשולדיג ליידענען . אזוא איינג דאס יענע ערצייהלונג (פון דעם געוויסען מערדער) וואלט אן דיזער ערצייהלונג (פון דעם צווייטען) געבליבען גאנץ אונפערשטענדליך .

נון מיינע טייערע לעזערין . בעפאר מיר וועלין צוא טרעטין צוא דער ערצייהלונג פון דעם צווייטין אונשולדיג ליידענען . וועלין מיר אויף אוויילע איין קערין אין דער שטוב פון דער טרויערענדע האנע אום צוא מאכין דיר בעקאנט מיט נאך איינער פערזאן וואס וואר דיר ביז אהער גאנץ אונבעקאנט . אונ וואס עס איז דיר אם נייטיגסטען צוא קענען . זיין נאמען איז שוין געצייכענט איבער דעם אנפאנג (זאגלאוויע) פון דעם דריטין קאפיטעל ,יאקאב עשקעלעס' דיזער מאן וואר איין הויז פריינד פון דעם נתן אבער פון לאנגע דאטען . אונ וואר אלזא גאנץ איינגעווייהעט (איינגעטרויט) אין אלע געהיימניסע פון זיינעם הויזליכין לעבין . אונ פון זיינע געשעפטען . דען דיזער עשקעלעס וואר איין קאפ מענטש (דאס הייסט ער האט געשריבען אונ געשפראכין איינינע שפראכען . העברייעש . איינגעלש . דייטש . פראנצויזעש) . ער וואר איין גוטער רעכען מייסטער . אונ דער צוא נאך איין גוטער רעכטס געלערטער (יוריסט) וואס אלעם דיזעס דאס דעם נתן שאוש געפעלט . דאס הייסט ער האט עס

נים געקאנט באות נים פערשטאהגען , אונ ווארען איהם העכסט
נייטיג צוא געבראוכען צוא זיינער פאסעסע . אונ צוא זיינע
איבעריגע געשעפטען . דען ער וואר אויך אגרויסער מלוה .
אונ איין גרויסער פריסטאוציק פון פריוויאנט . וואס אלעס
דיזעס זיינען על פי רוב פערבונדין אימער מיט גרויסע
משפטים (פראצעסען) אונ רעכונגקעס , אונ האט זיך אלזא אין
אלע דיזע ענינים בעדינט אדער בענוצט מיט דיזעס יאקאב
עסקעלעס וואס וואר איין גאהענטער שכן זיינער . דען
זייערע ביידענס פאסעסעם ווארען האט לעבין איין אנדער.
ער האט קאנטראלירט (איבער גערעכענט) זיינע ביכער .
געשריבען אנווייזונגען קאנטראקטען . אונ אלעס אונענטגעלטליך
(אומזיסט) אויס בלויזער געפעליקייט נור אונטער דעם שיין
פון גוטע שכנות אונ פריינדשאפט . אין דער טאהט אבער
דאס הייסט (לפי האמת) האט ער עס געטאן נור אום צוא
האבין אימער איינע גוטע געלעגענהייט צוא פערקערען צוא
איהם (צוא דעם מאזער) אין הויזע אום דארט אונטער צוא
האלטין זיך (פערברייגגען) מיט איהם אונ נאך מער מיט
דער האנען זיינע פרויא וואס זיא וואר איינע בליהענדע
שיינהייט . אונ וואס ער האט זיך ניט געקענט זאט אנקוקין
איר . אונ וואר פאר ליבט אין איהר ביז איבער דיא אויערין .
דאך אבער גאנץ פאר שווייגין , אבר האט ער דארט געהאט
אימער אגוטין טאג . גוט געגעסין . גוט געטרונקען אונ
פלעגט צוא מאכין פון דיזער געלעגענהייט איינעם גאנץ
עפטערין ניברויך . דען ער פלעגט זיך דארט גיפינען צווייא
דרייא מאל אוואך . דען ער האט ניט גיהאט קיינע פרויא
אונ קינדער וואס זאל איהם קענען פאר קירצען דיא צייט זיינע
צוא הויז . אונ וואס זאלין איהם אפ האלטין פון דיזע
אפטערע בעזוכע אונ איז זיך אלזוא געבליבין דארט איין
נעכטער הויז פריינד ביא דיא ביידין , כל זמן דער מאזער
דאס

האט געלעבט אונ אזוא אויך נאך זיינעם טויט ביא איהר אונ
דאן נאך פיל מעהר דען זיא איז דאך נאך איהר מאנס טויט
געבליבען איינע אונבעהאלפענע פערפלאנטערט אין פילע
פראצעסען אונ געשעפטען וואס אן איהם האט זיא ניט
גיוואוסט וויא זיך צוא קערין אונ צוא ווענדין אלזוא שוין
פיל מעהר געלעגענהייט פאר איהם אום דארט צוא עסען צוא
טרינקען אונ אויך אפט צוא נעכטיגין . אונ ביא אלעם דעם
איז זיא געבליבען גאנץ אונבערערט אונ פערשוינט זעלבסט
פון דיא גרעסטע בערייזערקעס , דען אלע האבין איר גיהאלטין
פאר איינע אשה חשובה אונ פאר אגרויסע צנועה , מען האט
מעהר ניט וויא געזאגט דאס עס איז מעהר אלס געווים איהם
פאל ווען עס וועט זיך דער גיין אויף קלאר דאס דער נחמן
מאזער איז ווירקליך געווארין ערמארדעט דאס דיא האנע זאל
זיך שוין קענען פאר הייראטין וועט זיא שוין קיין אנדערין
נעמען וויא נור אים , דען זיא פאסען איינער פאר דעם אנדערין
אונ האבין זיך דער צוא גאר ניט פיינט איינער דעם אנדערין .
אונ אנדערע ווארען ווידער איינער אנדערין מיינונג דאס הייסט
דאס דאן וועט זיא הייראטהען איינעם אנדערין וואס איז גיווארין
איין אלמן אין דיזען יאהר וואס איז מעהר לייט פאר דעם
עסקעלעס . דען ער איז פיל רייכער פאר איהם אונ פיל
לייטעשער פאר איהם אונ האט איהר אויך ניט פיינט אונ
דאס גלייכין זיא איהם . דען זייא האבין זיך געליבט איינאנדער
נאך פאר זייערע פאר הייראטין זיך מיט אנדערע מעהר אוים דעם
ווילען פון זייערע עלטערין אלס אוים אייגענער נייגונג (ווילען)
אונ דאהער וואר איהר ליבע צוא איהם אונ דאס גלייכין זיינע
צוא איהר נאך גליהענד אונ בליהענד איצונד וויא דאן . דען
דער שפריכווארט זאגט „אלטע ליבע ראסטעט ניט" אונ האבין
זיך נאך גאנץ גערען איינאנדער געזעהען אונ געשפראכין אונ
וויא מען האט גיזאגט אזוא גאר זיך גיליבאייגעלט מיט איינאנדער

אונ

(צוא ניוואַרפֿין זיך ליבע בליקען) אלזוא שוין קיין וואונדער דאס אַגרויסער טייל פון דיא אַרומיגע שכנים האבין געאורטיילט (געסודעט) דאס וויא נור עס וועט זיך דער נייַן אויף געוויס דאס דער נחמן מאזער איז ווירקליך ערמאָרדעט וועט זיא זיך פיל ניכער אונ גיוויסער פאר הייראַטין מיט איהם אלעם מיט דעם עסקעלעם אונ בפרט נאך דאס יענער איז פיל רייכער איינער אונ מער לייט פאר איהם.

4.

דער שרעקליכער טרוים.

אין דער זעקסטע וואך נאך דעם מאזע״ס פערפאלין ווערין אונ וואס מען וואר נאך מער אלנעווים שוין דאס ער איז גיווארין ערמאָרדעט טראַין דעם (פראַטיוו טאהא) וואס על פי אונזער אידעשען דת וואר דיא האנע זיינע פרויא נאך איינע עגונה, אונ טאר קיין שידוך טאן, אוים דעם מינדעסטין ספק פילייכט לעבט ער נאך, אונ וואס צוא ליב דיזען געהיימען מארד זיינען שוין פערהאַפטעט געוואָרין (איין געזעצט) אין טורמע איינע האלבע טוץ מענשין אוים פערשיידענע פאדאזרענעם וואס יעדער האט אויף זיך גיהאט דאס ער איז דער מערדער פון דעם מאזער וויא מיר האבין שוין דא פריער גישריבין אונ יעדער פון זייא האט דער ביא גינוג גיליטען דען זייא ווארין עקזאמענירט זייער שטרייַנג וויא דאן וואר דיא זיטע (מאדע) דארט אין איינגלאַנד.

אין דיזער זעקסטע וואך איז גיווארין פערמערט דיא צאל פון דיזע אונגליקליכע גיפאנגענע מיט נאך איין ראסטאנט, אונ עס איז גיווארין פון זעקס זיבען, אונ דיזער זיבענ״ער וואר שוין פיל וואזנער אלם דיא זעקס פאריגע, דען ער וואַ איין העכסט אנגעזעהענער מאן (איין זנאצנער מענטש) אונ אויך נור דורך איינעם בלויסען פערדאַכט (פאדאזרענע) נור איין פערדאַכט

וואס אין אנפאנג האט ער זיך געגרינדעט אויף איינעם בלויזן טרוים (חלום) נור, און נאך הער אויף איינער גרויסן ליצע (בעווייז) אדער אוליקא דאס מען וואר שוין כמעט גאנץ גיווים מיט אים דאס נור ער און קיין אנדערער וואר דער מערדער פון דעם מאזער און דיא בעוואנדטענים (וולאקנאקן) פון דיזעם טרוים זאר וויא דא ווייטער שטייט.

אין איינער נאכט פון דיזער זעקסטע וואכע וואס אונזער יאקאב עסקעלעס האט דאן געגעכטיגט ביי דער מאדאם האנע וויל ער האט זיך דארט פארשפעטיגט ביי איינער רעכענונג וואס דיזעם פלעגט זייער אפט צו טרעפין האט ער אזוא וויא ארום צווייא דעם זיינער ביי זיינעם אנטשלאפן ווערין זייער פעסט אנגיהויבין צו ריידין פון שלאף זייער הויך דאס אלע הויז לייטע האבין זיך אויף גיכאפט פון שלאף מיט גרויס שרעק און זעלבסט דיא האנע אויך און האבין זיך אלע ארום אים ארום גישטעלט פון וועגן צו הערין וואס ער רעט, עס וואר אבער זייער שווער צו פערשטיין קוים איין צעהנטערווארט וואס מען האט נאר ניט גיקאנט וואס שליסען דער פון און אם ענדע אלם ער האט אנגיהויבין זייער הויך צו שרייען מיט אגרויסען לארעם און גערעמער, האבין זייא אים קוים אויף גיוועקט אדער בעסער צו זאגין קוים אוים איין אנדער גידיסין און עס האט געדויערט שיינע עטליכע מינוטען ביז ער איז גיקומען צו זיין פשיטאמנאסן (צוא זיך) אום צוא קענען געבען איינע גיהעריגע אנטווארט אויף זייערע שטירמישע פראגען וואס זייא האבין אים גימאכט איבער זיינעם פלוידערין שרייען און וויינען פון שלאף דען ער האט זייא מער אלס צעהן מינוטען אריין געקוקט ביסטערע און שטום אין דיא אויגין ביז ער האט דיא שפראכע ווידער גיפונען (דאס הייסט ביז ער האט שוין גיקאנט ריידין).

„אוי אוי! האט ער זיך אפגירופין צוא זייא, א איך דאנק אייך צוואר דאס איר האט מיך אויף געוועקט איצונד, דען איך

האב געהאט איינען שרעקליכען טרוים (חלום), אות דאך וואלט פיל גלייכער גיוועזען, ווען דיזעס (דיזער אויף וועקין) וואלט מיט איינע מינוטען שפעטער גישעהען, דען דאן וואלטען מיר שוי וויסין, וואס עס איז אונז אם נייטיגסטען צו וויסין.

עס האט זיך מיר געדוכט דאס אונזער פריינד מאזער (נחמן) איז אריין אין מיינעם שלאף צימער אונ האט זיך גישטעלט לעבין מיין בעט, ער וואר בלייך אונ גאנץ ענטשטעלט (בעזאבראזעוועט) דאס עס וואר מיר שרעקליך אים אן צו זעהן, אלע זיינע קליידער בעפלעקט מיט בלוט, אונ זיין גאנצער קערפער בעזייט מיט פיל וואונדין אונ צוויא גרויסע שטיכע (שטעך) אין זיינער רעכטען זייטע, ער האט זיא צו געהאלטען מיט דער רעכטין האנד, אלס וויא ער וואלט וועלין איין האלטין דיא בלוט וואס האט פון דארט גיפייפט אונ גישפריצט וויא וואסער פון אפאנטאן, א איין שרעקליכע גיזיכט (ערשיינונג), איך וואר גאנצע פינף מינוטין וויא גילעמט (פאפאלעקצירט) דאס איך וואר ניט אים שטאנדע איין ווארט צו שפרעכין מיט אים, אונ דער ווייסט וויא פיל עס וואלט נאך מיין שווייגען נידויערט ווען ער וואלט אים (דעם שווייגין) דאן ניט אונטער ברעכין (מפסיק גיוועזען).

„זעהסטו מיין פריינד" האט ער זיך דאן אבגירופין צו מיר מיט איינער שוואכין שטימע מען האט מיך ערמארדעט, אונ דהך דיזע צוויא טיפע וואונדין רינט אוים מיין יונגעס לעבין, מען האט מיך ערמארדעט אונ מיך אריין גיווארפין אין דעם פוסטין קאסטין פון דעם בריקיל וואס איז איבער דעם רייסענדין שטראמיק זעקטא, וואס איז איינע קנאפע מיילכיל פון דאנגען, אלזוי מיין פריינד ווען איך בין דיר נאך ליב אונ טייער נאך מיינעם טויט וויא פאר מיין לעבין, זאלסטו טאן מיט מיר איצונד איין חסד של אמת, דאס דוא זאלסט מיר ברייננען צו קבר ישראל, וואס היינט מקבר זיין מיך אויף איינעם אידעשען בית עולם

עולם, זאנסט, דאס הייסט ווען דיזעס וועט ניט געשעהען נאך אונ באלד וועט מיך אוועק טראגין דער וואסער וואס וועט ווערין היינט אדער מארגין גרויס, אונ דאן איז אום מיינער זיילין-רוהע (מנוחת הנפש) גישעהען אויף אימער אונ אייביג.

„א שרעקליך וואר מיר צוואר זיין ערשיינען, נאך שרעקליכער וואר מיר זיין ריידין, עס וואר מיר מיין ברוסט העכסט געפרעסט. דאס איך האב קיינע אנטוואורט גיקענט אים געבין צוריק ביז איך האב אוים גיבראכין אין איינעם שרעקליכען וויינען, אונ איין טרערין גוס (דאס הייסט איין אוים וויינען זיך) האט מיך שוין ווייט בעפרייט פון דיזער שרעקליכע שפאזמע, דאס איך וואר שוין אין שטאנדע צוא ריידין, נון וואר מיינע ערסטע זאך צוא פאר זיכערין איהם דאס איך וועל זיין וואונטש ערפילען באלד ווייא איך וועל נור אויף שטיין פון בעט, אונ נאך העד אלם איך האב אים בעשווארין דאס ער זאל מיר זאגין, ערשטינם ווער איז זיין מערדער, אונ וואס עס טוט זיך מיט דעם מענטשין באלד נאך זיינעם טויט אין יענעם עולם, אונ אלם וואר ער שוין אזוא גאר אין בעגריף (בדעה) מיר עס צוא זאגין, דען ער האט שוין זיין מויל דער צוא גיעפינט, האט איר מיך ליידער דאן אין דיזער מינוט אויפגיריטילט (אויפגירויסין) פון שלאף, א שאדע אום דיזע אנטוואורט זיינע, מיר וואלטין גיוואוסט שוין ווער דער רוצח איז אונ בעפרייט אלזוי דיא אונשולדיגע, אונ צווייטינס וואלטין מיר שוין גיוואוסט וואס איז דאס מיט דעם מענטשין אויף יענער וועלט“.

דיזע ערצייהלונג זיינע האט גימאכט איינען שרעקליכין איינדרוק אויף דיא אלע דארטיגע הויז לייטע, אונ נאך מער אויף דיא האנע וואס איר האט עס בעלאנגט פיל מער אלס אלע אנדערע, ערסטינס וייל דער נחמן מאזער וואר דאך איר מאן, אונ צווייטינס ווען דיא זאך זאל וואר זיין, הערט זיא דאך אויף איינע עגונה צוא זיין, אלזוי גענוג אורזאך, דאס

וויא זאל דיזע געטליכע וויזונג (וואונק) פון יענער זייט (פון יענער וועלט) ניט לאזין איין מינוט קיהלען . עס וואר תיכף ומיד עס געמעלדעט דער אאסעסער , ער האט מיט זיך גענומען איינינע צלענעס פון לאנד-געריכט (זעמסקע) , אונ האט מיט זיך גענומען דעם יאקאב עשקעלעס , אונ נאך פילע אנדערע גוטע פריינד פון דעם מאזערס הויז . מען איז געקומען צו דעם בריקיל פון זעסטא בעפאר עס איז נאך גיווארין טאג , אונ זייא האבין צוא זייער שרעקין דער וויסט דארט אין דעם פוסטין קאסטין דעם טויטין קערפער פון דעם נחמן מאזער , פונקט אזוא צוא געריכטעט (פארמירט) פונקט וויא ער האט ערשיינט דעם יאקאב עסקעלעס אין טרוים אזוא פאר בלוטיגט אונ אזוא פערוואונדעט אונ דער צו נאך האט מען דארט דער וויסט אפאר זאכין , אדער בעסער צו זאגין געוויסע ליצעס אדער אוליקעס וואס האבין גיעפינט שוין אלעמען דיא אויגין אויף קלאר ווער דער מערדער איז , דען ערשטינס האט מען ביא דעם נחמן מאזער דערוויסט דאס געלט וואס ער האט איינגעלייזט אין לאנדאן פאר זיינע פראדוקטין . הונדערט שטערלינג גאר אין גאנצין , אלזוי גינוג בעוויז דאס דער מערדער זיינער וואר קיין גיוואונליכער רויבער ; אדער איין גימיינער גנב , וואס האט דיזין מארד בעגאנגען נאר אום דאס ליבע געלט וועגין . ניין דא מוז ליגין גיווים צו גרונדע איינע אנדערע אורזאכע , ענטוועדער איין גיהיימער האס צו אים (צוא דעם מאזער) אדער איינע ליבעס אינטריגע דאס הייסט דאס דער נחמן מאזער איז גיקומען מיט זיינע ליבע צוא איין גיוויסע נקבה אין וועג (געשטערט) איינעם צווייטין ליב האבער וואס איז גינוג רייך אונ מוטהיגער אלס ער אונ האט אים אלזוי ערמארדעט , אלזוי איז שוין ארויס צו זעהן דער פון דאס ניט איינער פון יענע אלע וואס זיינען דאן אין גיפאנגין גיווארין אונ אין גיזעצט גיווארין אוים בלויזע פאדאזרענעס נאר איז דער מערדער זיינער , דען זייא ווארין אלע ארעמע אונ גימיינע מענטשין וואס קענין

קענן פילייכט אין מארך בענין נאר אוים ליבע צו געלט , און דא וואר קיין גראשין גירירט .

און צווייטינס האט מען דארט ביא איינעם בעסערין אונטערזוכין דארט אין דעם פוסטין קאסטין דער וויסט איינע נאך וויכטינערע ליצע (בעוויז) אלס דיא ערשטע , מען האט דארט דער וואוקסט אונטער אנדערע קליינינקייטין , וואס עס זיינען ארויס גיפאלין פון דעם מאזערם בוזען , אזוא צום ביא שפיל איינע זידבערנע טאבאקירקע , טייערע ברילין און דאס גלייבין , האט מען דער וויסט אנוטין זייגעריל מיט אפאר טייערע חתימעלאך וואס אויף זייא וואר געקריצט דער נאמין פון איינע גרויסין און בעקאנטין פערזוינליבקייט (אסאבע) „הערש וואלער" און אזוא האט קיין אנדער גיהייסין וויא נאר יענער רייכער און פארנעמער מאן וואס וואר שוין פון לאנגע דאטין פאר ליבט אין דיא האנען , און אצונד נאך אויך , און דאס גלייבין זיא אין איהם , אלזוי קיין וואונדער שוין דאס מען האט שוין אן גיהייבין צו שליסין תיכף ומיד דאס ניט אנדערש דאס נאר ער איז דער מערדער פון דעם נחמן מאזער וואס ער ליבט זיך אין זיינער פרויא האנע , אלזוי האט ער איהם שוין צוא לאנג געלעבט . און האט ביא זיינעם ארויין ווארפין איהם אין דעם פוסטין קאסטין פון דעם בריקיל , פאר לארין דארט זיין זייגער און ווייס ניט ביז יעצט וואו ער האט איהם פאר לארין , און אלזוי קורץ ווערט גיזאגט (בקיצור) , אור ניין דאס מארגינס וואר שוין דער הערש וואללער ערגריפען פון דער זעמסקע סוד און ארויין גיפאקט אין גיפיינקענעם .

5.

דער טיראנישער עקנאמען .

בעפאר מיר ווען אן הייבין צוא דער ציילין פון דעם טיראנישען עקנאמען וואס מען האט אפ גינומין פון דעם הערש וואללער

וואללער (וויא עס איז ארויס צווא זעהען פון דעם טיטול (נאדפיס) וואס איז איבער דיזן קאפיטיל) וועל איך דיך מיינע טייערע לעזערין מאכן איין עטוואס בעקאנטער מיט אים ווייל ער שפילט א״ך איינע גרויסע ראליע דא אין אונזער קליינע ערציילונג, אונ דארפסט אים פיל בעסער אונ מער קענען אלס וויא פון ביז העד פון ניצייילטע ווערטער.

„דיזער הערש וואללער וואר דאן אלט קיים דרייסיג יאר, בליהענד שיין פון שלאנקין (גראדין) וואוקס, פון בעסטין כאראקטער גוט גיבילדעט, אונ וויא צו זאגין גוט מיט גאט אונ מיט לייטע אונ וואר אויך פון איין שיינע פאמיליע אונ דער צו נאך זייער רייך, ער האט דארט לעבין דער פאסעסע קולמא גיהאט איינע אייגענע ליטיינע (גיסארנע) פון ציגון אונ פון אלער האנד איזינוארק אונ עס איז אים זייער גוט גיגאנגין אין איר, אונ וויא עס איז קיין זאך אונ קיין מענטש ניט דא אין דער וועלט אן אחסרון אזוי האט דיזער הערש וואלער קיין אויסנאהם גימאכט פון דיזעם רעגעל (כלל) ער האט אויך מאנכע פעלער גיהאט, ער וואר ערגעבען דעם צווייטין געשלעכט (דאס הייסט איין פרויען ליבער) מער אלס אנדערע יונגע לייט, אונ אן ליבשאפטין האט אים קיין מאל גיפעלט, דען דיזעס איז דאך אימער צו בעקומען ענטוועדער דורך איינען בלויזע גיפעלין, אדר פאר דעם ליבין גראשין, אונ אים האבין דיזע ביידע מיטלען ניט גיפעלט, דען ער וואר זייער שיין אונ דער צו רייך, אונ וואר אלזוי העכסט גערין גיזעהן פון אלע פרויען אונ מעדכען אונ פשיטה שוין פון דיא האנען, וואס האט אים פאר איר פערהייראטין זיך מיט דעם נחמן מאזער גאנץ אפין גיליבט אונ אזוי וויל זייא נוארין דאן אין דער מיינונג צו פערהייראטין מיט איין אנדער, אונ דיזע אלטע ליבע זיינע צו איר האט זייער פיל פערשטארקט דיא מיינונג פון דער וועלט אונ נאך מער דיא מיינונג פון דיא ריכטער דאס נאר ער אונ קיין אנדערער האט ערמארדעט דעם נחמן מאזער. אונ מען האט אים אלזוי אן גיהייבן צו פאסלעדעווען

פיל

פיל שטרייטגער (סטראנגער) אלס די איבעריגע וואס תארין איינגיזעצט פון פריער, דאס הייסט אים אן גיטאן פיל מער יסורים אונ ענויים אלס יענע, אונ ער האט זיך אלץ גיליטן אונ גיזאגט דאס ער ווייסט ניט פון וואס צו זאגן פון דיזען מארד, „עס איז וואר' האט ער גיזאגט „דער זייגעריל אונ דיא חתימות זייען מיינע אבער ניט איך האב עס פערלארין דארט אין דעם קאסטן פון דעם בריקיל, עס האט עס גיטאן איין אנדערער וואס האט עס פון מיר ענטוועגדעט (גישטוילין) צייט איין האלבעס יאר אום צו גיברויכין עס נאר צו דיזעם צוועק, דאס הייסט אום צו מאכין מיך ביא אייך פערדעכטיגט (פאדאזריטעלנע) אוף דעם ארט וואס ער האט שוין דאן בדעה גיהאט צוא בעגיין, אונ דיזעס האט גיטאן גיוויס מיינער אפיינד (איין געגנער) צוואר איך לעב מיט אלעמען גוט דאך איז נאך ניט איינער דא אויף גאטעס וועלט וואס זאל קיין געגנער האבין מען איז מאנכען אשונא פאר וואס ער איז פיל ערליכער אונ פריםער אלס אנדערע זייען“.

דיזע אלע רייד זיינע וואר'ן וויא אין ווינט גישפראכין (דאס הייסט נאר ניט וואזייעט) אונ מען האט אנגעווענדעט אוף אים די גרעסטע מארטור (מענצארנע) וואס די מענטשליכע באזהייט (רשעת) האט נאר אין יענע רויע צייטין גיקענט עס ערפינדען, אונ דיזעס וואר דיא ראצען פראבע *) אונ מען האט דורך איר ארוים בעקומען

פון

*) „ראצען פראבע“, הייסט אזוי איינע פראבע וואס וואר דארט אין איינגלאנד גימאכט דורך גרויסע מייז (פאצוקעס), אונ דיזעס וואר אזוי צו גיגאנגין, מען האט דעם פאדאזריטעלנעם רעסטאנט וואס האט זיך ניט גיוואלט מודה זיין אוף זיין פאר ברעכין אוים גיטאן נאקעט אנידער גילייגט אויף איינעם ברעט מיט דעם גיזיכט ארויף אונ איין גיבונדין פעסט אן דיא דארטיגע רינגען וואס וואר'ן איין גישרויפט אין יענער ברעט, אונ אוף זיינעם נאקעטין בויך האט מען ארויף גישטעלט איינען שווערין אונ שמאלין קופערנעם

קעסיל

פון אים אדער בעסער צו זאגן אבגיצוואונגען , איינע בעקענטנישע (פריזנאנע) פון אים , דאס ער האט ערמארדעט דעם נחמן מאזער אוים ליבע צו זיינער פרויא וואס ער האט איר גיוואלט הייראטין אצונד נאך דעם טויט פון מאזער. אונ דאס עס וואריין אים ביא דיזעם מארד בעהילפית נאך צווייא אנדערע מאטראזין וואס זיינען שוין פער אלס איין מאנאט פערדייזט קיין טענעריפע אונ וועלין קומען צוריק ערשט אין אפאר מאנאטין ארום .

דיזע ערצוואונגענע בעקענטניס (פריזנאנע) האט מען אן גינומען פאר איינע ווארהייט , עס וואר אים גיגלויבט אויך דאס ער האט גיהאט צווייא גיהילפע (אונטער העלפער) ביי דיזעם מארד, דען ער אליין וואס איז קיין העלד אונ דער צו איין שוועכלינג וואר ניט אין שטאנד עס אוים צו פירין איינער אליין אונ בפרט נאך קענין דעם שווערין קערפער פון דעם נחמן מאזער אריין הויבין אין דעם הויכין קאסטין פון דעם בריקיל . אונ מען האט אלזוי פאר צוינגין מיט דעם דעקרעט זיינעם (דאס הייסט אפ גילייגט) אויף גאנצע צווייא מאנאט וואס דאן דארפין קומען יענע צווייא מאטראזין צו ריק אום צו מאכין זייא איינע ניהעריגע אצנעשטאונקע , זאגסט וואלט מען אים שוין ניין פסק אב גיגעבין , נעעדערט , אדער געקעפט , דען אין יענע צייטין זיינען דיא פראצעסין פיל ווייניגער גידויערט אלס אין אונזערע צייטין , באלד נאך איינער פריזנאנע דיא מעג זיך זיין איינע ערצוואונגענע איז דער דעקרעט גישעהן .

קעסיל מיטין דעק ארויף אונ מיט דר עפענונג אראב צום בויך אונ דאן נואריין אריין גילאזין פון אונטין אין קעסיל אטוץ ראצען (פאצוקעס) אונ אויבין אויפין דעק פון קעסיל נוארין גילייגט הייסע קוילין העכסט גליהענדע , אונ דאן אלס עס ווערט אין קעסיל איינע גרויסע היצע הויבין אן דיא ראצען (פאצוקעס) צו לעכערין דעם בויך אום צוא בעקומען פרישע לופט אדער צו אנטלויפין .

6.

איין נייער פערדאכט (פאדאזרענע).

אונ עס וואר אלס דיא ריכטער ווארין שוין מיט זיך אין ריינעם (גאנץ קלאר) דאס זיא האבען דער גאנגען דעם מערדער, אונ ווארין שוין אין בעגריף (בדעה) ארויס צוא לאזען דיא פאריגע ראסטאנטען וואס ווארין פערדעכטיגט אין דיזען מארד, האט זיך געלאזט מעלדען צוא דעם פרעזעדענט איין געוויסער יונגער מאן, וואס האט געהייסען „אבראם צענט" וואס וואר איין קאלעקטאר, אונ האט איהם מיט געטיילט (דער ציילט) גאר אנייס, אנייס וואס האט איהם וויא צוא זאגין דיא אויגען גיעפינט „ליבער הער" האט ער זיך אפ גערופען, איך בין פון אימער איין העכסט ערליכער מאן, אונ בין עס אצונד אויך, אונ ביא אלעם דעם האב איך מיך גילאזט דורך איינעם פערלייטען (פאר פירען) צו איינער זינדע פאר שווערעם געלד (דאס הייסט פאר אפולע געלד), דען וויא געזאגט איך בין איין ארעמער מענטש איין קליינער קאלעקטער, איך האב ניט גיקענט ביא שטיין ביא דעם שווערען נסיון, אונ האב דיא זינדע בעגאנגען שוין אהאלב יאהר, אונ מוז עס אויך אצונד באקענען וייל וויא איך האב עס געסטערין ניהערט (איך וואר ביז אהער דיא גאנצע צייט אין לאנדאן) בערידהרט דיא זינדע מיינע גאר אין דעם לעבין פון איינעם אונשולדעגין מענטשען, קורץ געזאגט זען דיא תויפט בעשולדיגונג פון דעם הערש וואלער דאס ער האט ערמארדעט דעם נתן מאזער גרינדעט זיך גאר אויף דעם גיפינען דארט ביא דעם הורג זיין זייגער מיט זיינע חתימות, איז ער שוין געווים ריין דער פון וויא איהר זעלבסט, דען איך זעלבסט וואס איך בין איין איין גייער אין אלע רייכע אונ פאר נעהמע הייזער מיט צעטלאך האב דיזין זייגעריל מיט דיא חתימות ביא אים (ביא דעם הערש וואלער) געשטאלען שוין מער אלס

איין

אין האלב יאהר אונ האב עס אפ געגעבען באלד דעם מאקאב ע קעלעס וואס האט מיך דער צוא בערעט, אונ גענוג געלוינט דער פאר, דען ער האט מיר געגעבען דרייסעג פונט שטערלינג, עס טאר מיר דאן אגרויסער וואונדער צוא וואס ברויכט ער עס אזוא אבעזונדערלניצע וואס איז קוים ווערט דרייא שטערלינג, אונ דער צוא נאך דורך אגנבה, ער האט עס גיקענט בעקומען פון איהם זעלבסט פאר פיל ווייניגער געלד, נון אבער פאר שטייט זיך-שוין פון זעלבסט וואס ער האט געצילט דער מיט, פאר געווים איז ער דער מערדער פון דעם נחמן מאזער, אונ איז אלזוא אומגעגאנגען מיט דעם מארד געדאנקען נאך דאן אלס ער האט מיך פערלייטעט (פערפירט) צו דיזער גנבה, דען דיזע ביידע זאכען דאס ערמארדען דעם מאזערין, אונ דאס בעקומען דעם הערש וואלערס זייגערל מיט דיא חתימות זיינע דורך איין גנבה נאר, וואהרין איהם נאך מיינעם גוט אכטין (בעדיינקען זיך) אצונד, העכסט נייטיג צוא זיינער פערבאטענע ליבע וואס ער האט שוין פון לאנג וויא איך וויים צוא דער האנא מאזערס פרויא, דאס ערשטע (דאס הייסט דאס ערמארדען איהר מאן) אום זיא זאל ווערען איינע אלמנה דאס ער זאל איהר קענען הייראטהען, אונ וויא עס שיינט האלט שוין גאר ניט וויט דער פון, אונ דאס צווייטע (דאס הייסט דעם זייגעריל מיט די זיגלען) האט ער געברויכט אום צו מאכען דער מיט פערדעכטיגט (פאבאזריטעלנע) דעם הערש וואלער אין דיזעם מארד, אום לויז צוא ווערין פון איהם דאס ער זאל איהם ניט שטיין אין וועג מיט זיינער אלטע ליבע צוא איהר מיט זיינע גרעסערע מעלות אונ פערמעגין אלס זיינע זיינען, אונ דער חלום איז נאר איין פאלשער אונ געמאכטער אום נאר צו האבען איינע גוטע גילעגענהייט צוא געפינען דעם טויטען קערפער פון דעם נחמן מאזער דאס זיא (דיא האנע) זאל שוין אויף הערין צוא [illegible] איין עגונה אום דאס ער זאל איהר קענען נעמען פאר אפרויא

אפרויא, אזי וואס דער הערש וואללער האט זיך פרינאעט דאס ער האט אידם ערמארדעט איז עם גאר אויס יסורים, אונ דאס וואס ער האט געזאגט דאס ער האט געהאט ביא דעם סארד צווייא מאטראזען וואס זיינען זעצט אין טאנעריפע אלעם מיט־העלפער איז עם פאר געווים אום נאר צוא גיווינען גאנצע צווייא מאנאטין צייט ביז זייער צוא ריק קומען, דען דער וועלט שפריכווארט זאגט „צייט גיוואונען אלעם געוואונען”, אזוא איז מיינע מיינונג פון דיזער גאנצע בלוטיגע קאטאגארע, אונ דער גירעכטיגער גאט זאל אייך ערלייכטען אייערע אויגין צוא דער גיין דאס רעכט אונ אפ האלטען אייך אום צוא פערגיסען ריינעם בלוט“.

דיזע רייד פון דעם אבראם צענט, האבין ניט פאר פעלט זייערע ווירקונג, דען זייא זיינען אריין זייער טיף אין דיא אויערין פון דעם פרעזעדענט, ער האט אידם שוין ניט גילאזט אוועק גיין פון זיך, האט באלד צוא זאמען גערופען דעם גאנצין סוד אדער סאוועט, האט זייא מיט געטיילט דיזע נייעקייט, אונ זייא האבין עם אן גענומען פאר אין קרוב לאמת, האבין גילאזט ברייגען צוא זיך וואס צום גיכסטין דעם יאקאב עסקעלעס האבין געמאבט איינע אצנע סטאווקע, אונ דער אבראם צענט האט אידם געזאגט אין אויג דאס זעלביגע וואס ער האט מיט געטיילט דעם פרעזעדענט, דאס ער האט אידם געגעבין געלט דאס ער זאל שטוילען דעם זיינעריל מיט דיא חתימות ביא דעם הערש וואללער, אונ דאס עס האלט שוין ניט ווייט דער פון דאס ער זאל הייראטהען דיא האנע, דער עסקעלעס וואר צוואר ביא דיזער אצענע סטאווקע העכסט איזמוסצעט געווארין בלייך וויא קאלך, ביא אלעם דעם האט ער זיך מודה גיוועזען נור אויף דיא צווייטע זאך. דאס הייסט דאס עס האלט דער ביא דאס ער זאל דיא האנא הייראטהען וויל דאס וואר אידם שוין אונמעגליך גיוועזען אין צוא שענדען

דען

דען עס וואר עס שוין איינע בעוואוסטע זאכע , דעם ערשטען דאפראסנעם פונקט אבער מכח דעם זיינעריל מיט דיא חתימות , דאס ער האט איהם בעקומען פון דעם צענטענס האנט וואס ער האט איהם גידונגען ער זאל עס אוועק שטעלען פון דעם הערש וואלער האט ער געלייקינט אונ אויס געלאכט דאס מען וויל בויען אויף דיא רייד פון אזוא איינעם וואס זאגט אויף זיך אליין דאס ער איז איין דיב (אגנב) אונ האט איהם געשפיגין אינס געזיכט .

7.

דער שווארצער האן .

ביא אלעם דעם איז דער עסקעלעס ניט לויז געקומען , אונ וואר איינגיזעצט אין טורמע , אונ געווארען בעהאנדילט ניט בעסער אלס אנדערע וואזנע ארעסטאנטען , דאס הייסט אין קייטין געשמיט אונ סמירנע געהיט אונ שטארק דאפראסעוועט , דאך אבער ניט מיט ענוים אונ יסורים אן טאן וויא אלע יענע , וויל זייא האבין שוין גינוג פראקטעצירט פון דעם בלוטיגען דאפראס וואס זייא האבין דאפראסעוועט דעם הערש וואלער , דען זייא האבין זיך שוין באלד נאך דיזער נייען סוועדענע פון דעם צענט איבער צייגט (אבליצעט) דאס ער האט זיך זעלבסט אבוויניייעט (בעשולדיגט) נאר אויס יסורים , אונ צווייטינס האבין זייא נאך קיינע רעכטע ליצע אדער אוליקעס אויף דעם עסקעלעס דאס ער האט דיזין מארד בעגאנגען דאס זייא זאלין האבין רעכט צוא פאלטערין (מאטערין) איהם , אונ זייא האבין אלזוא אום ארזים צו בעקומען פון איהם איינע בעקענטניסע (פריזנאנע) אונגעניטערהייט זיך בעדינט דער ביא (בענוצט) מיט איינעם גראבין אונ צוא גלייך לעבערליכין אבער-גלויבען , אונ עס האט זייא דאס פיל מעהר גילונגען (גיגליקט) אלס דיא טאקטור

דען

דען זיא האבען דורך דעם ארוים בעקומען דיא וואהרהייט דאס הייסט ער האט זיך מודה געוועזען דאס ער האט דעם העררין מאזער ערמארדעט, אונד טאר גירעדערט, אונד דיזע פינטע (חיטראסט) טאר בעגאנגען וויא מיר וועלען דא אין קורצע בעשרייבען אוים מאנגעל אן רוים (פלאין) אום צוא ציהען עס אין דער לייגע (מאריך זיין).

וויא אויך איינגלאנד איז איינע געבילדעטע נאציאן איז זיא דאך העכסט פרום אונד העכסט אבערגלויבעש, גלויבען אין קארטען אוים טווארפען אונד אין וואר זאגעריגען אזוא גאר נאך יעצט אונד בפרט נאך אין יענער צייט, עס בעדינגען זיך דער מיט זעלבסט דיא גרעסטע לארדין (גראפין) אונד דיא גרעסטע דאמען, אין יענער צייט וואהר אין לאנדאן איינע זיבילע (וואר-זאגערין) וואס האט געהייסען „פאטימא" איינע אראבירען וואס איז געשטאנען דאן אין איינעם גרויסען בערוף (שם) דאס עס פלעגען צוא פערקעהרין צוא איהר דיא גרעסטע לייט אום צוא דער גיין דורך איהר גרויסע געהיימניסע, אונד אום צוא בעראטהען זיך מיט איהר איבער דיא צוא קונפט (בודעסנאסין אדער עתידות) זיא פלעגט זיך בעדינגען בייא איהרע וואר זאגערייא מיט איינעם גרויסען „שווארצען האן" וואס זיא האט בייא זיך געהאט, דאס הייסט זיא פלעגט חאראזעווען (צויבערען) זייער פיל פון זיינעם קרייען, אלזוא איז געבליבען בייא דיא ריכטער דאס מען זאל זיך ווענדען מיט דיזען בלוטיגען אונד אונגעווייסען פראצעס צוא איהר דאס זיא זאל ערראטהען (טרעפען) דעם וואהרען מערדער, אונד מען האט איר אפגיאבט מיט איהר האן קיין קולמא, עס וואר דארט אפ געגעבען צוא איהר געברויך דרייא צימערען וואס זייערע טירין זיינע גראדע גלייך איינע געגען דער אנדערע דאס מען קען אריין גיין פון דעם ערשטען צימער אין צווייטען אונד פון אידם אין לעצטען, (דען אזוא האט זיא פערלאנגט) דעם מיטעלסטען צימער האט דיא אוים געהאנגען מיט שווארצע טוך, אום צווועלפען בייא נאכט

טארען די אלע ארעסטאנטען וואס טאָרען פערדעכטיגט (פּאראזיטעלע)
אין דיזעם מארד וואס אונטער זייא וואר אויך דער עסקעלעס
אונ דער הערש וועלכער געבראכט אין דעם ערשטען זאל מיט אגרויסע
וואך, אונ דארט וואר שוין אויך פון פריער דיא ווארזאנגערע
געקליידעט פרעם שווארץ מיט פונאנדער געלאזענע האר, אין
דער דריטע שטוב וואָרען דיא ריכטער, אונ אין דעם מיטעלסטען
צימער וואס וואר פינצטער איז געשטאנען דער שווארצער האן
אויף אקליינע שווארצע בימע וואס וואר אויך בעדעקט מיט
אשווארצע טוך, אונ דאן אלס אלעס וואר שוין אין געהעריגן
ארדענונג, האט דיא ווארזאגערין געהייסען דאס יעדער ארעסטאנט
בעזונדער זאל אריין גיין אין דעם פינצטערען צימער אונ אנלעגט
טאן מיט ביידע הענט וואס מוזען זיין פריער ריין געוואשען דעם
שווארצען האן, אונ פון דארט זאל ער אריין אין דעם
דריטען צימער צוא דיא ריכטער, נון דאן בייא וועמעס גלעטען
וועט דער האן דרייא מאל קרייען איז דער גזלן דער מערדער,
עס וואָרען צוואר אלע געזיכטער געבלייכט דורך דיזען אונהיימליכען
שפרוך איהרעם דען עס איז איין אונהיימליכער מארשערוט
(דורך גאנג) דורך דיזען צוויבער צימער אין דיזער גייסטער
שטונדע (צוועלף בייא נאכט) דאך וואר ניט איינער פערשווינט
פון זייא, דיא טארזאגערין זעלבסט האט יעדערע בעזונדער
אריין געלאזען אין דעם צימער, אונ האט צוא געמאכט דיא
טיר הינטער איהם מיט איינעם צוויבער שפרוך דער בייא, אונ
אזוא וואר צוא געמאכט הינטער איהם דיא לעצטע טיר בייא
זיינעם אריין טרעטען אין דער דריטע שטוב וואו דיא ריכטער
זיצען אונ אזוא זיינען דורך געגאנגען אלע ארעסטאנטען ביז דעם
לעצטען, צוואר מיט גרויס שרעקען אונ בייא אלעם דעם האט
דער האן קיין קרייא געטאן אונ דאך האט מען דורך דעם
געוואוסט דאס נאר דער יאקאב עסקעלעס איז דער מערדער אונ
קיין אנדערער, דען בייא אלע אנדערע וואָרען דיא הענט

ווישע

ווישע איינגעריכט אין איינער שווארצע פארבע וואס עס וואר בעשמירט מיט דעם דער האן, נאר ביא דעם יאקאב עסקעלעס ניט, אלזוא איין גענוגער בעוייז דאס ער דער איינציגער האט דעם האן ניט גילעט נאר אוים פורכט דאס ער זאל ניט קרייען ביא זיינעם וויסען דאס ער איז דער ווינאוונגיק. אונ ער וואר דורך דעם אזוא טייט אין דער איינגע געטריבען (דאס הייסט איבער ווייזען אדער אוף געוויזען) דאס נאר ער איז דער מערדער, אונ קיין אנדערער, דער צוא האט זיך געמאכט נאך פיל אנדערע בעווייזע דארויף דאס ער האט קיין אנדער ברירה געהאט וויא נאר זיך מודה צוא זיין, ער איז געווארען פערמישפעט, אונ דער הערש וואלער האט געהייראטעט מיט דיא האנא.

ענדע

[illegible] קניתי לצמיתות

[illegible]